# Digitales Brandenburg

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**


## Rebe Meʾir Bal ha-Nes

**Mezaḥ, Yehoshuʿa**

**Ṿilna, 662 [1901 oder 1902]**

די.

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-12911

Visual Library

הָאט זִיךְ רבי מאיר גִישְׁטֶעלְט צוּ ווִישְׁען דיא מֶענְשְׁען און דיא שְׁלַאנְגֶען , עֶר הָאט מִתְפַּלֵל גִיוֶוען צוּ גָאטט זֵיינֶען זַייא גֶערֶעטֶעט גֶעוָוארֶען פוּן טוֹיט .

זַייא הָאבֶּען גִיהֶערְט אַשְׁטִימְמֶע פוּן הִימְמֶעל ; „אוֹיבֶּען בֶּעשְׁטִימְט מֶען שְׁלֶעכְטֶעס , אוּנ אוּנְטֶען אִיז מֶען מְבַטֵל דָאס הַייסְט ; גָאט אִיז גוֹזֵר אוֹיף אַיין מֶענְשְׁען שְׁלֶעכְטֶעס , קוּמְט אַיין צַדִיק אוּנ רַאטֶעוֶועט דָעם מֶענְשְׁען פוּן אוּנְגְלִיק .

פוּן יֶענֶער צַייט אָן אִיז יהודה מִיט זַיינֶע קִינְדֶער גֶעוָוארֶען פְרוּמֶע מֶענְשְׁען , זַייא הָאבֶּען פִיל צְדָקָה גִינֶעבֶּען אוּנ זַייא הָאבֶּען גֶעלוֹיבְּט גָאט פַאר דִיא נִסִים וָואס עֶר הָאט זַייא גֶעצַיינְט דוּרְךְ רבי מאיר בַּעַל הַנֵס , נִיצוֹל צוּא וֶוערֶען פוּן דִיא בְּרֶענֶענְדִינֶע שְׁלַאנְגֶען

# יד.

רבי מאיר הָאט אַלֶע מָאל גִינֶעבֶּען כָּבוֹד דִיא מֶענְשְׁען וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה , עֶר פְלֶעגְט זָאגֶען וֶוען אַגֶעטְצֶענְדִיגֶער לֶערִינְט תּוֹרָה אִיז עֶר ווִיא אַ כֹּהֵן גָדוֹל , עֶר הָאט גֶעהַאט אַנטֶען פְרַיינְד אַיין פִילוֹסוֹף אַהַיידֶע , עֶר הָאט אִיהם גֶעלִיבְּט אוּנ גֶעשֶׁעצְט ווִיא אַיין אַיינֶענֶעם בְּרוּדֶער .

רבי מאיר אִיז גִיוֶוען פְרַיינְדְלִיךְ מִיט יֶעדֶען מֶענְשְׁען , עֶר הָאט לִיבּ גֶעהַאט מֶענְשְׁען זָאלֶען לֶעבֶּען פְרִידְלִיךְ , עֶר הָאט זַיינֶע תַּלְמִידִים גִילֶערִינְט אוּנ גֶעזָאגְט דָאס וואו מֶענְשְׁען לֶעבֶּען פְרִידְלִיךְ זַיינֶען זַייא גְלִיקְלִיךְ . דֶער שָׁלוֹם אִיז דִיא טְהַייעֶרְסְטֶע זַאךְ . עֶר פְלֶעגְט זַיינֶע תַּלְמִידִים עֶרְצֵיילֶען דָאס אהרן הכהן הָאט פִיל גֶעטְאהְן צוּ לִיבּ צוּ מַאכֶען שָׁלוֹם בַּייא מֶענְשְׁען זַייא זָאלֶען לֶעבֶּען פְרִידְלִיךְ אוּנ דוּרְךְ דָעם הָאבֶּען פִיל מֶענְשְׁען אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּא זִינְדִיגֶען ווייל

(ר"מ בעל הנס)

ווייל אהרן הכהן האט אַזוי געטאהן ; ווען ער האט אויף דער גאס געטראָפען איין זינדיגען מענשען אַשלעכטען , אַפאַרברעכער פלעגט איהם אהרן פריינדליך גריסען . געוועהנליך איז דאס גיוועזען בייא דעם פאַר ברעכער אַגרויסער כבוד וואס אהרן הכהן גריסט איהם פריינדליך , נאכדעם אַז ער האט געוואָלט טאהן אַזינדע , האט ער בייא זיך געטראַכט ווען אהרן וועט דאס הערען , וועט ער מיר נאך אַמאל ניט וועלען פריינדליך גריסען , דער פאַר האט זיך דער מענש אָב געהאַלטען פון זינדיגען , אויך האט אהרן הכהן צוא ליב שלום געטאהן אַלערלייא מיטלען , ווען ער האט גיזעהען צווייא מענשען צאנקען זיך איז ער נאכדעם אוועק געגאַנגען צו איינעם פון זייא אונ האט איהם געזאָגט : איך האב מיט מיינע אויגען גיזעהען ווייא יענער האט חרטה פאַר וואס ער האט דיך באַליידיגט , ער האט פון זיך זיינע האאר פון קאָפף געריסען פאַר וואס ער האט זיך מיט דיר געצאַנקט , ער וויל זיין מיט דיר גוטע פריינד , אהרן האט מיט יענעם אַזוי לאנג גערעדט ביז יענער האט מוחל גיוועזען דעם מענשען וואס האט איהם באַליידיגט , אונ אַזויא האט אהרן געטאהן נאכדעם מיט דעם צווייטען .

אונ נאכהער אַז דיא צווייא מענשען וואס האבען זיך געצאַנקט , האבען זיך געטראָפען , פלעגען זייא זיך קושען אונ זייא זיינען געוואָרען גוטע פריינד ווייא אַמאָל .

רבי מאיר פלעגט ווייזען זיינע תלמידים אַז ער טהוט אויך ווייא אהרן הכהן , ער מאכט אויך שלום צו ווישען מענשען וואס צאנקען זיך .

רבי מאיר איז אַמאל געקומען אין איין אָרט האט ער גיזעהען ווייא צווייא מענטשען צאַנקען זיך , איז ער צוא זייא געקומען אונ ער האט בייא זייא געמאכט שלום , נאכדעם האט זיך רבי מאיר דערוואוסט דאס דיא צווייא מענשען זיינען

(ר״מ בעל הנס)

גאהענטע שכנים, זייא וואהנען גאהענט איינער פון אנדערען, אבער זייא זיינען זיך גרויסע פיינדע, שטענדיג איז ביא זייא גרויסע מחלוקת, דאס הויפט ערב שבת און דעם גאנצען טאג שבת הערען זייא ניט אויף זיך צו צאנקען, איז רבי מאיר דארט געבליבען דרייא שבתים, און ער האט זייא ניט געלאזען זיך צאנקען, ער האט מיט זייא גירעדט קלוגע רייד ביז ער האט זייא געמאכט אשלום אויף אלע מאל, זייא זיינען געווארען די בעסטע גוטע פריינד. דענסטמאל האט דער שטן געקלאגט און האט אזויא געזאגט: ווייא איז מיר, רבי מאיר האט מיך ארויס געטריבען פון דעם ארט וואס איך האב געהאט פערגעניגען.

## דער געטרייער שומר.

א מעשה נורא וואס האט געטראפען בייא דעם קבר פון געפליבען תנא ר"י הסנדלר.

בייא דעם קבר פון דעם תנא ר"י הסנדלר איז פאראן איין קליינער הייל, דאס איז אין אפעלד וואס גיהערט צוא איינעם וואס ער איז ניט איוד, דער ווירטה פון פעלד האט דעם גאנצען מאג געפיטערט זיינע שאף אויף דעם פעלד, און פאר נאכט פלעגט ער די שאף צוריין טרייבען אין הייל און בייא דעם איינגאנג פון הייל האט ער געשטעלט זיינעם אדינער ער זאל דארט די גאנצע נאכט שטיין און היטען די שאף, אמאל איז דער ווירטה געקומען דאס מארגענס בייא דעם הייל האט ער געפונען די שאף שטייען בייא דער הייל און זיין דינער איז ניטא דארטען, איז ער שטארק אין כעס געווארען אויף איהם,

(ר"מ בעל הנס) אין